# גליון
# בת עין
דבר השווה לכל נפש

אידיש

גליון קיז • שנה ג

**פרשת ויצא**

תשפ"ו


## הקדמה

### דבריהם הן הם זכרונם

אונז שטייען יעצט נאכאמאל ביים יארצייט פונעם הייליגן בת עין, ס'איז באקאנט וואס דער טאהשער רבי זצ"ל פלעגט כסדר זאגן אז ס'איז געווען צדיקים וואס האבן ארייגעלייגט זייערע כוחות אין זייערע קינדער, און ס'איז געווען צדיקים וואס האבן נישט זוכה געווען צו קינדער האבן זיי ארייגעלייגט זייער כח אין די ספר, און ער פלעגט כסדר זאגן אז דער בת עין האט ארייגעלייגט זיין גאנצע כח אין די ספר.

אין אונזער וועכנטליכע גליון פרובירן אונז בדרך כלל אויסצוקלויבן די גרינגערע תורות פון די וואכענדיגע פרשה כדי עס זאל זיין א דבר השווה לכל נפש, אבער היות אין די וואכענדיגע פרשה (פרשת ויצא) זענען אלע תורות פארבינדען מיט בחינות וואס מען דארף צו דעם האבן אסאך רגילות אינעם ספר, האבן מיר פרובירט נאכאמאל איבערצואַרבעטן די תורה פון צוויי יאר צוריק אז מען זאל עס קענען בעסער פארשטיין.

בנוסף צו דעם האבן מיר נאכאמאל געדריקט די תורה פונעם הייליגן בת עין אין פרשת ויחי אויף די פסוק פון מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ (וואס איז שוין געדרוקט געווארן אין גליון כז), די תורה ווערט די לעצטע יארן געלערנט דורך טויזענטער יודן וואס אין זכות פון די אמונה און מקיים זיין (און נישט סתם געזאגט) וואס דער בת עין שרייבט אין די תורה האבן זיי זוכה געווען צו זעהן ישועות השם.

### שׁוֹמֵר ד' אֶת כָּל אֹהֲבָיו

דאט איז די פלאץ נאכאמאל צו באדאנקען די צענדליגער נדבנים וואס האבן האבן מנדב געווען צום הוצאת הגליון יעדע וואך, יודן וואס האבן געגעבן גרעסערע נתינות וואס האט ערמעגליכט צו דרוקן די ספר פאר א צוגעגליכע פרייז, און יודן וואס העלפן פארשפרייטן די גליון און זענען מקושר צום בת עין בנפשם ובגופם וממונם, און יודן איבער די גאנצע וועלט וואס טוען כסדר עוסק זיין אין זיכוי הרבים מיט אלע ערליי פעולות אויף כמה וכמה אופנים פון מצוות ומעשים טובים וגמילות חסדים לע"נ דעם הייליגן בת עין, פאר די אלע קען מען זאגן וואס דער הייליגער ישמח משה זאגט אין תהלים אויף די פסוק 'שומר ה' את כל אוהביו' אז דיווארט 'את' קומט געווענליך צו פארמערן נאך עפעס, די גמרא זאגט אז 'את' מיינט א זאך וואס איז א טפל צום עיקר, און אויך אין די פסוק מיינט עס אז ווער ס'איז א טפל צום צדיק וועט זוכה זיין צו די שמירה. וזכותו יגן עלינו ועל כל ישראל. אמן

### אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.

ווי אונז האבן שוין אמאל געשריבן איז די ווערטער 'אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן' וואס דער בת עין ענדיגט צו יעדע תורה איז בגימטריא זיין הייליגע נאמען 'אברהם דוב בער' ווי אויך די נאמען פון די ספר 'בת עין' וואס דער בת עין האט ארייגעלייגט זיין הייליגע נאמען און זיין ברכה אין זיין דברי תורה.

זאל דער אייבישטער העלפן אז עס זאל זיין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מיט אלע פירושים און מען זאל זוכה זיין צו ממשיך אלע השפעות טובות פון די הייליגע טאג. **אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן**

גליון זה נתנדב ע"י
הרבני התורני הנגיד הר"ר **משה מנחם גאלדבערגער** הי"ו
לע"נ רבינו המחבר
ר' **אברהם דוב בער** ב"ר **דוד מאוריטש** זי"ע
זכות רבינו המחבר יגן בעדו ובעד ב"ב להתברך בכל מילי דמיטב ובכל אשר יפנה יצליח, אמן כן יהי רצון

### די געדאנק אינעם תורה

אין די תורה גייט דער בת עין מסביר זיין די ענין פון המתקת הדינים בשורשם, אז ס'מאכט זיך אמאל אז ס'קומט אויף א מענטש א שווערע דורכגאנג, וואס דאס קומט דאך פון באשעפער, אבער אונז ווייסען דאך אז דער באשעפער האט דאך באשאפען די וועלט ער זאל ווערן אנגערופן מיט די נאמען 'רחום וחנון', איז ווי אזוי קען זיין אז ס'קומען אראפ שווערע זאכען פון הימעל אויפן מענטש? איז דער בת עין מסביר אז אין יעדע זאך איז דא א חסד השם, צומאל איז די חסד אפען און צומאל באהאלטען, איז די ערשטע עצה איבערצודרייען די פראבלעם אז דער מענטש זאל גלייבן אז ס'איז צום גוטען און לויבן דעם באשעפער טאקע אויף די זאך.

**און די זעלבע זאך איז ווען א מענטש האט ממש נישט קיין פרנסה, אדער ס'פעלט אים אנדער לעבנ'ס וויכטיגע באדארפענישן, זאל ער כאטש לויבען דעם באשעפער אויף יעדן אטעם און זיין נשמה וואס ליגט ביים באשעפער.**

**און דא קומט די בת עין צום אויספיהר: דורך דעם וואס דער מענטש לויבט דעם באשעפער דערויף** (אויף וואס ספעלט אים - אדער אויף זיין שווערע דוכגאנג) **מיט דעם איז ער ממש גורם אז די זאך ווערט איבערגעדרייט אויבען אין הימעל אז די חסד פון די זאך זאל אנטפלעקט ווערן און ס'זאל איבערגעדרייט ווערן צום גוטען אויף די וועלט און ס'זאל אראפקומען השפעות טובות אויף אים און אויף די גאנצע וועלט. אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן**

**י"ב כסליו שנת תשע"ט איז געשטאנען א יוד ביים ציון פונעם הייליגען בת עין און פארגעלערנט די שטיקעל, אויסרופענדיג דערביי אז ער האט געלערנט די שטיקל 40 טאג אין א ציה און האט זוכה געווען צו זעהן א נס.**

## תוכן הדרוש

[א] לשון הפסוק. / די רמז אין די פסוק. / המתקת הדינים בשורשם.

[ב] פשט אין 'מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ'. /

## [א]

## לשון הפסוק

**מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ אין די חלק** (אין ארץ ישראל) **פון שבט אשר וועט זיין די פעטע ברויט** (שפייז) **און ער וועט געבן קעניגליכע שפייז.**

## די רמז אין די פסוק

**וְנוּכַל לוֹמַר שֶׁהַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה מוֹרָה לָנוּ דֶּרֶךְ הָאֵיךְ לְהַמְתִּיק הַדִּינִים בְּשָׁרְשָׁם** אונז קענען זאגן אז די תורה ווייזט אונז דא אין די פסוק די וועג ווי אזוי צו ממתיק זיין די דינים אין די שורש אין די עולמות העליונים, **בִּכְדֵי לְהַמְשִׁיךְ שֶׁפַע וּבְרָכָה מִמֶּלֶךְ מַלְכּוֹ שֶׁל עוֹלָם לָעוֹלָמוֹת הַתַּחְתּוֹנִים** כדי צו אראפברענגען אויף די וועלט שפע און ברכה פון דעם באשעפער דער קעניג פון די וועלט.

> מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ.
> וְנוּכַל לוֹמַר שֶׁהַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה מוֹרָה לָנוּ דֶּרֶךְ הָאֵיךְ לְהַמְתִּיק הַדִּינִים בְּשָׁרְשָׁם בִּכְדֵי לְהַמְשִׁיךְ שֶׁפַע וּבְרָכָה מִמֶּלֶךְ מַלְכּוֹ שֶׁל עוֹלָם לָעוֹלָמוֹת הַתַּחְתּוֹנִים.
> דְּהִנֵּה הָעִיקָּר הוּא לְהַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁכָּל מַה דְּעָבִיד רַחֲמָנָא לְטַב עָבִיד (ברכות ס:), וּלְבָרֵךְ לְבוֹרֵא עוֹלָם בָּרוּךְ הוּא עַל הָרָעָה בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב מַמָּשׁ כְּשֵׁם שֶׁמְּבָרֵךְ עַל הַטּוֹבָה.
> וַאֲפִילוּ חַס וְשָׁלוֹם כְּשֶׁהָאָדָם הוּא מְחוּסָּר מִמִּשְׁאֲלוֹת

### כָּל מַה דְּעָבִיד רַחֲמָנָא לְטַב עָבִיד

**דְּהִנֵּה הָעִיקָּר הוּא לְהַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה** ווייל דער עיקר איז צו גלייבן מיט א גאנצע אמונה, **שֶׁכָּל מַה דְּעָבִיד רַחֲמָנָא לְטַב עָבִיד** (ברכות ס:) אז אלעס וואס דער באשעפער טוהט איז צום גוטן, **וּלְבָרֵךְ לְבוֹרֵא עוֹלָם בָּרוּךְ הוּא עַל הָרָעָה בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב מַמָּשׁ כְּשֵׁם שֶׁמְּבָרֵךְ עַל הַטּוֹבָה**, און צו בענטשן דעם באשעפער אויף די שלעכטע זאכען מיט א שמחה און א גוטע הארץ אזוי ווי מען דאנקט און בענטשט דעם באשעפער אויף די גוטע זאכען.

**וַאֲפִילוּ חַס וְשָׁלוֹם כְּשֶׁהָאָדָם הוּא מְחוּסָּר מִמִּשְׁאֲלוֹת לִבּוֹ**, אפילו חס ושלום אז ס'פעלט פאר א מענטש זיין הארץ באדערפענישן (דאס מיינט זאכען וואס איז נאנט צו זיין הארץ און ער ברויך עס וויכטיג),

לִבּוֹ, אַף עַל פִּי כֵן יִהְיֶה אֲשׁוּרָיו וּתְהִלּוֹתָיו שֶׁל אָדָם לְבוֹרֵא עוֹלָם בָּרוּךְ הוּא עַל חַיֵּינוּ הַמְּסוּרִים בְּיָדוֹ וְעַל נִשְׁמוֹתֵינוּ הַמּוּפְקָדִים בְּיָדוֹ.

כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב (תהלים קנ, ו) כָּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ, וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל (ב"ר יד, ט) עַל כָּל נְשִׁימָה וּנְשִׁימָה תְּהַלֵּל יָהּ.

וְאַף עַל פִּי שֶׁהוּא מְחוּסָּר מִמִּשְׁאֲלוֹת לִבּוֹ, אַף עַל פִּי כֵן יַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁכָּלוּל בָּזֶה חֶסֶד ה' בְּאִתְכַּסְיָא בִּכְדֵי לְבָרֵךְ עַל זֶה בְּשִׂמְחָה מַמָּשׁ.

וּבָזֶה הָאֱמוּנָה וְהַתְּהִלָּה גּוֹרֵם שֶׁנִּמְתְּקוּ הַדִּינִין בְּשָׁרְשָׁם, שֶׁיִּזַּל מַיִם הוּא הַחֶסֶד מִמֶּלֶךְ עוֹלָם מְקוֹר הַחֶסֶד לְבָאֵי עוֹלָם, וְיִהְיֶה כָּל הַשְׁפָּעוֹת טוֹבוֹת וּמַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ בְּאִתְגַּלְיָא עַל כָּל הָעוֹלָם[א].

וְזֶהוּ 'מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ', 'מֵאָשֵׁר' הוּא לְשׁוֹן תְּהִלָּה.

**א.** וראה עוד מה שכתב רבינו בפרשת חיי שרה ד"ה ואברהם זקן: כי עיקר בריאת העולם היתה בגין דיתקרי רחום כו' (זוה"ק ח"ג רנז, ב) ובכל דבר יש בחינת חסד הבורא ב"ה, אפילו בבחינת דין בחינת קטנות שבא על האדם, בחינת חשכות, יש בתוכו מכוסה בחינת חסד ה', רק שהוא באתכסיא, ולכן צריך האדם ליזהר מאוד בזה וליתן שבח והודיה להשי"ת על בחינת גבורה כמו על בחינת חסד ממש, כי באמת הוא חסד ממש, אלא ששני מיני חסד יש, אחד באתגליא ואחד באתכסיא. וזהו שאמרו חז"ל (בר"ר לג, ג) צדיקים מהפכים מדת הדין למדת הרחמים, שמהפכים ממש, ומבינים שמדת הדין שהוא בחינת גבורה הוא ממש בחינת חסד באתכסיא ועל ידי זה גם למעלה נתהפך כו'.

**אַף עַל פִּי כֵן יִהְיֶה אֲשׁוּרָיו וּתְהִלּוֹתָיו שֶׁל אָדָם לְבוֹרֵא עוֹלָם בָּרוּךְ הוּא עַל חַיֵּינוּ הַמְּסוּרִים בְּיָדוֹ**[א] פון דאס וועגן דאך זאל זיין דאס לויבען און די גליקליכקייט פון א מענטש צום באשעפער אויף אונזער לעבן וואס איז איבערגעבן אין זיין האנט, **וְעַל נִשְׁמוֹתֵינוּ הַמּוּפְקָדִים בְּיָדוֹ** און אויף אונזער נשמות וואס זענען איבערגעגעבן צו אים.

## כָּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָ-הּ

**כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב** (תהלים קנ, ו) **כָּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ** אזוי ווי עס שטייט אין תהלים די פסוק 'כל הנשמה תהלל י-ה', **וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל** (ב"ר יד, ט) **עַל כָּל נְשִׁימָה וּנְשִׁימָה תְּהַלֵּל יָהּ** און אונזערע חכמים האבן געדר'שנט אז 'כל הנשמה' מיינט אז אויף יעדע 'נשימה' וואס מיינט אויף יעדע אטעם זאל זיין 'תהלל יה' - זאל מען לויבען דעם באשעפער.

## המתקת הדינים בשורשם

**וְאַף עַל פִּי שֶׁהוּא מְחוּסָּר מִמִּשְׁאֲלוֹת לִבּוֹ** כאטש ס'קען געשען אז א מענטש זאל נישט האבן זיין הארץ באדארפעניש, **אַף עַל פִּי כֵן יַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁכָּלוּל בָּזֶה חֶסֶד ה' בְּאִתְכַּסְיָא** פון דעסוועגן דאך זאל ער גלייבען אז אפילו אין די זאך וואס ס'פעלט אים איז דא א באהאלטענע חסד השם (ד.מ. אז די סיבה פארוואס ער האט נישט די זאך אין דעם אליין ליגט א חסד השם), **בִּכְדֵי לְבָרֵךְ עַל זֶה בְּשִׂמְחָה מַמָּשׁ** כדי ער זאל קענען דאנקען דעם באשעפער אויף דעם מיט שמחה ממש.

**וּבָזֶה הָאֱמוּנָה וְהַתְּהִלָּה גּוֹרֵם שֶׁנִּמְתְּקוּ הַדִּינִין בְּשָׁרְשָׁם** און מיט די אמונה אז עס איז א חסד השם און דאס לויבן דעם באשעפער דערויף ברענגט ער צו אז די דינים ווערן נמתק אויבן אין הימל[ב], **שֶׁיִּזַּל מַיִם**[ג] **הוּא הַחֶסֶד מִמֶּלֶךְ עוֹלָם מְקוֹר הַחֶסֶד לְבָאֵי עוֹלָם** אז ס'זאל רינען וואסער וואס איז רומז אויף חסד פונעם באשעפער דער קעניג פון די וועלט וואס ער איז די מקור החסד פאר אלע וואס קומען אויף די וועלט, **וְיִהְיֶה כָּל הַשְׁפָּעוֹת טוֹבוֹת וּמַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ בְּאִתְגַּלְיָא עַל כָּל הָעוֹלָם** און ס'זאל אנפלעקט ווערן אלע גוטע השפעות אפענערהייט אויף די וועלט.

## [ב]

## פשט אין 'מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ'

**וְזֶהוּ 'מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ'** און דאס איז פשט אינעם פסוק 'מאשר שמנה לחמו', **'מֵאָשֵׁר' הוּא לְשׁוֹן תְּהִלָּה** די ווארט 'מאשר' איז א לשון פון לויבן (אזוי ווי מיר זאגען 'אשרי' יושבי ביתך).

**א.** דאס מיינט אז אלעס וואס פאסירט אין אונזער לעבן איז אויסגערעכנט פונעם באשעפער אליין.

**ב.** אז ס'זאל אנטדעקט ווערן די חסד השם וואס ליגט באהאלטן אין די זאך.

**ג.** די בת עין איז מרמז דא אויף די פסוק יזל מים מדליו (במדבר כד, ז) אז דאס מיינט ס'זאל אראפקומען השפעות טובות פון הימל אויף אונז.

## 'שְׁמֵנָה' 'נִשָׁמָה' - 'שְׁמָמָה'

**'שְׁמֵנָה' הוּא אוֹתִיּוֹת 'נְשָׁמָה'** די ווארט 'שמנה' איז די אותיות 'נשמה'.

**גַּם לְשׁוֹן נְשָׁמָה מוֹרֶה עַל לְשׁוֹן שְׁמָמָה וְשִׁמָּמוֹן** אויך די ווארט 'נשמה' קען מען טייטשן א לשון וויסקייט און פוסקייט.

**הַיְינוּ כְּשֶׁהָאָדָם הוּא מְהַלֵּל לַבּוֹרֵא עוֹלָם בָּרוּךְ הוּא עַל הַנְּשָׁמָה הַמְּסוּרָה בְּיָדוֹ** וואס דאס מיינט ווען א מענטש לויבט דעם באשעפער אויף זיין נשמה וואס איז אין באשעפער'ס הענט[ד], **אַף עַל פִּי שֶׁהוּא שְׁמָמָה לַחֲמוֹ** כאטש ס'פעלט אים זיין ברויט[ה], **הַיְינוּ שֶׁהוּא מְחוּסָּר לֶחֶם וּמִמִּשְׁאֲלוֹת לִבּוֹ** דאס מיינט אז ער האט נישט זיין ברויט צום עסן אדער אנדערע הארץ באדערפענישן.

## וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ

**אֲזַי 'וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ'** דעמאלסט אז ער לויבט דעם באשעפער אין דעם מצב זאגט די פסוק אז ער 'קען געבן די גוטע שפייז פונעם קעניג', **הַיְינוּ יָכוֹל לִיתֵּן וּלְהַשְׁפִּיעַ מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ וְכָל הַשְׁפָּעוֹת טוֹבוֹת לְכָל בָּאֵי עוֹלָם** דאס מיינט אז ער וועט קענען געבן און משפיע זיין די 'מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ' און אראפברענגען אויף די וועלט אלע השפעות פונעם באשעפער און אלע גוטע זאכען, **אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.**

'שְׁמֵנָה' הוּא אוֹתִיּוֹת 'נְשָׁמָה'.

גַּם לְשׁוֹן נְשָׁמָה מוֹרֶה עַל לְשׁוֹן שְׁמָמָה וְשִׁמָּמוֹן[ב].

הַיְינוּ כְּשֶׁהָאָדָם הוּא מְהַלֵּל לַבּוֹרֵא עוֹלָם בָּרוּךְ הוּא עַל הַנְּשָׁמָה הַמְּסוּרָה בְּיָדוֹ, אַף עַל פִּי שֶׁהוּא שְׁמָמָה לַחֲמוֹ, הַיְינוּ שֶׁהוּא מְחוּסָּר לֶחֶם וּמִמִּשְׁאֲלוֹת לִבּוֹ.

אֲזַי 'וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ', הַיְינוּ יָכוֹל לִיתֵּן וּלְהַשְׁפִּיעַ מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ וְכָל הַשְׁפָּעוֹת טוֹבוֹת לְכָל בָּאֵי עוֹלָם, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.

**ב.** עיין מסכת עירובין יח, א: מיום שחרב בית המקדש דיו לעולם שישתמש בשתי אותיות, שנאמר 'כל הנשמה תהלל יה הללויה'. ובתוס' שם ד"ה כל הנשמה: פר"ח קרי ביה הנשמה בדגש. ובמהרש"א שם על התוס': שנאמר כל הנשמה וגו', כתבו התוספות פר"ח קרי ביה הנשמה בדגש עכ"ל, ר"ל מלשון שממה וחורבן של בית המקדש.

ד. 'מאשר' אז ער לויבט – 'שמנה' אויף זיין 'נשמה'.

ה. ווי דערמאנט פריער קען דאס ווארט 'שמנה' קען אויך טייטשען פארוויסט, און דאס איז טייטש 'שמנה לחמו' אז זיין פרנסה (לחם) איז פארוויסט.

# תורה לפרשת ויצא

## תוכן הדרוש

[א] לשון הפסוק. / די עיקר עבודה איז אז די הארץ זאל ברענען צום באשעפער. / די טעם פארוואס צדיקים זענען זוכה צו א גרויסע מדריגה פון אהבה. / צדיקים באהעפטן זיך מיט די מידת האהבה און ווערן פאראייניגט מיט איר.

[ב] א עצה פאר פשוטע יודען זיי זאלן אויך קענען צוקומען צו די מדריגה אין אהבה. / נאך א עצה כדי זוכה זיין צו די מדריגה אין אהבה. / די חילוק פון פון צדיקים און פשוטע מענטשן.

[ג] זיך צו שטארקען מיט די אהבה צו השי"ת. / אפילו ווען מען איז נישט זוכה צו די אהבה, ווערט עס גערעכנט ביים באשעפער אזוי ווי ער האט באמת די מדריגה.

[ד] דער באשעפער איז משפיע די מדריגה פון אהבה צו די צדיקי הדור. / צוויי עצות זוכה זיין צו אהבת השי"ת אפילו מען איז נישט גרייט דערצו /

## [א]

### לשון הפסוק

**וְלָבָן הָלַךְ לִגְזוֹז אֶת צֹאנוֹ וַתִּגְנֹב רָחֵל אֶת הַתְּרָפִים אֲשֶׁר לְאָבִיהָ.** און לבן איז געגאנגען אפשערן זיינע שאף (ממילא איז ער נישט גלייך געוואויר געווארן אז יעקב איז אנטלאפן) און דעמאלסט בשעת'ן אנטלויפן האט רחל גע'גנב'עט די כשוף כלים (תרפים) וואס האט געהערט צו איר טאטן.

### דֶּרֶךְ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם

**וְנִרְאֶה לוֹמַר שֶׁהַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה מְרַמְּזָה לָנוּ בְּכָאן דֶּרֶךְ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ** און ס'זעהט אונז אויס צו זאגען אז די תורה הקדושה איז אונז מרמז אין די פסוק א דרך אין עבודת השם[1].

וְלָבָן הָלַךְ לִגְזוֹז אֶת צֹאנוֹ וַתִּגְנֹב רָחֵל אֶת הַתְּרָפִים וְגוֹ'. וְנִרְאֶה לוֹמַר שֶׁהַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה מְרַמְּזָה לָנוּ בְּכָאן דֶּרֶךְ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

וּמִקּוֹדֶם נְבָאֵר מַה שֶּׁיֵּשׁ לְרַמֵּז בַּפָּסוּק (שמות כב, טו-טז) 'וְכִי יְפַתֶּה אִישׁ בְּתוּלָה אֲשֶׁר לֹא אֹרָשָׂה וְכוּ' מָהֹר יִמְהָרֶנָּה לּוֹ לְאִשָּׁה, וְאִם מָאֵן יְמָאֵן אָבִיהָ לְתִתָּהּ לוֹ כֶּסֶף יִשְׁקֹל כְּמֹהַר הַבְּתוּלוֹת'.

דְּהִנֵּה עִיקָּר הָעַבְדוּת הִיא הִזְדַּכְּכוּת הַנֶּפֶשׁ, הַיְינוּ לְזַכֵּךְ אוֹתוֹ מִכָּל מִינֵי גַּשְׁמִיּוּת שֶׁלֹּא לֶאֱהוֹב וּלְהִשְׁתּוֹקֵק לְשׁוּם דָּבָר מֵעוֹלָם הַזֶּה הַגַּשְׁמִי, רַק שֶׁתָּמִיד יִהְיֶה בּוֹעֵר בְּלִבּוֹ אַהֲבַת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא לִכְסוֹף וּלְהִשְׁתּוֹקֵק תָּמִיד אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בִּכְלוֹת הַנֶּפֶשׁ בְּאַהֲבָה עַזָּה וּתְשׁוּקָה גְּדוֹלָה עַד מְאוֹד,

### די עיקר עבודה איז אז די הארץ זאל ברענען צום באשעפער

**וּמִקּוֹדֶם נְבָאֵר מַה שֶּׁיֵּשׁ לְרַמֵּז בַּפָּסוּק** און קודם לאמיר ערקלערן וואס מען קען מרמז זיין אין די פסוקים (שמות כב, טו-טז) **'וְכִי יְפַתֶּה אִישׁ בְּתוּלָה אֲשֶׁר לֹא אֹרָשָׂה וְכוּ' מָהֹר יִמְהָרֶנָּה לּוֹ לְאִשָּׁה. וְאִם מָאֵן יְמָאֵן אָבִיהָ לְתִתָּהּ לוֹ כֶּסֶף יִשְׁקֹל כְּמֹהַר הַבְּתוּלוֹת'.**

**דְּהִנֵּה עִיקָּר הָעַבְדוּת הִיא הִזְדַּכְּכוּת הַנֶּפֶשׁ** די עיקר עבודה פון א מענטש איז צו אויסלייטערן זיין נפש, **הַיְינוּ לְזַכֵּךְ אוֹתוֹ מִכָּל מִינֵי גַּשְׁמִיּוּת** דאס מיינט עס אויסצולייטערן זיין נפש פון אלע גשמיות, **שֶׁלֹּא לֶאֱהוֹב וּלְהִשְׁתּוֹקֵק לְשׁוּם דָּבָר מֵעוֹלָם הַזֶּה הַגַּשְׁמִי** ער זאל נישט גלוסטען און ליב האבען קיין שום זאך פון די וועלט, **רַק שֶׁתָּמִיד יִהְיֶה בּוֹעֵר בְּלִבּוֹ אַהֲבַת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא** נאר שטענדיג זאל ברענען אין זיין הארץ די ליבשאפט צום באשעפער, **לִכְסוֹף וּלְהִשְׁתּוֹקֵק תָּמִיד אֵלָיו יִתְבָּרַךְ** צו גלוסטען און צו זיך בענקען שטענדיג צו דעם באשעפער, **בִּכְלוֹת הַנֶּפֶשׁ בְּאַהֲבָה עַזָּה וּתְשׁוּקָה גְּדוֹלָה עַד מְאוֹד** אז זיין זעהל זאל אויסגיין צום באשעפער מיט א שטארקע ליבשאפט און גרויסע בענקעניש.

---

1. ווי דער בת עין איז כסדר מסביר אז יעדע פסוק אין חומש איז אונז א לימוד לדורות ארויס צו לערנען דערפון א דרך אין עבודת השי"ת און יעדע פסוק אין די תורה הקדושה האט א טיפערע כוונה.

וְזֶה הוּא בְּחִינַת צַדִּיקֵי הַדּוֹר שֶׁזּוֹכִים לָבֹא לִבְחִינַת הָאַהֲבָה הָעַזָּה מֵחֲמַת מַעֲשֵׂי הַמִּצְוֹת שֶׁתָּמִיד עוֹסְקִים בָּהֶם בְּלִי בִּיטּוּל אֲפִילּוּ רֶגַע אַחַת לְבַטָּלָה חַס וְשָׁלוֹם, וּמֵחֲמַת זֶה הַבּוֹרֵא עוֹלָמִים בָּרוּךְ הוּא מַשְׁפִּיעַ לָהֶם בְּחַסְדּוֹ הַטּוֹב אוֹר הָאַהֲבָה הָעַזָּה.

וְזֶהוּ 'כִּי נֵר מִצְוָה וְתוֹרָה אוֹר' (משלי ו, כג), הַיְינוּ עַל יְדֵי נֵר מִצְוָה שֶׁצַּדִּיקֵי הַדּוֹר עוֹסְקִים בָּהֶם, זוֹכִים לְתוֹרָה אוֹר הָאַהֲבָה עַזָּה הַנַּ"ל, וְאָז הַתּוֹרָה אוֹר אַהֲבָה עַזָּה הַנַּ"ל הוּא בִּבְחִינַת מְאוֹרָשָׂה לְצַדִּיקֵי הַדּוֹר, בִּבְחִינַת אַחְדוּת, מֵחֲמַת מַעֲשֵׂיהֶם הַטּוֹבִים מְאוֹד.

כְּמוֹ שֶׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל (ברכות נז.) עַל פָּסוּק (דברים לג, ד) 'תּוֹרָה צִוָּה לָנוּ מֹשֶׁה מוֹרָשָׁה', אַל תִּקְרֵי מוֹרָשָׁה אֶלָּא מְאוֹרָשָׂה.

אֲבָל זֶה הַבְּחִינָה אֵינוֹ נִשְׁפַּע בִּתְחִלָּה רַק בִּשְׁבִיל צַדִּיקֵי הַדּוֹר, אַךְ אַחַר כָּךְ כְּשֶׁנִּשְׁפַּע לָהֶם זֶה הַבְּחִינָה אוֹר

## די טעם פארוואס צדיקים זענען זוכה צו א גרויסע מדריגה פון אהבה

**וְזֶה הוּא בְּחִינַת צַדִּיקֵי הַדּוֹר** און דאס איז די בחינה פון צדיקי הדור, **שֶׁזּוֹכִים לָבֹא לִבְחִינַת הָאַהֲבָה הָעַזָּה** וואס זיי זענען זוכה צו צוקומען צו די שטארקע אהבה, **מֵחֲמַת מַעֲשֵׂי הַמִּצְוֹת שֶׁתָּמִיד עוֹסְקִים בָּהֶם בְּלִי בִּיטּוּל אֲפִילּוּ רֶגַע אַחַת לְבַטָּלָה חַס וְשָׁלוֹם** וואס זיי זענען שטענדיג באשעפטיגט מיט די מעשי המצוות אן צו מבטל זיין אפילו איין רגע פאר גארנישט חס ושלום, **וּמֵחֲמַת זֶה הַבּוֹרֵא עוֹלָמִים בָּרוּךְ הוּא מַשְׁפִּיעַ לָהֶם בְּחַסְדּוֹ הַטּוֹב אוֹר הָאַהֲבָה הָעַזָּה** און וועגן דעם איז דער באשעפער מיט זיין גוטע חסד זיי משפיע די ליכטיגקייט פון די אהבה.

## 'כִּי נֵר מִצְוָה וְתוֹרָה אוֹר'

**וְזֶהוּ 'כִּי נֵר מִצְוָה וְתוֹרָה אוֹר'** (משלי ו, כג) און דאס מיינט די פסוק 'אז די מצוה איז צוגעגליכען ווי א ליכט - און תורה צו א ליכטיגקייט', **הַיְינוּ עַל יְדֵי נֵר מִצְוָה שֶׁצַּדִּיקֵי הַדּוֹר עוֹסְקִים בָּהֶם** דאס מיינט דורך די 'נר מצוה' (די מעשי המצוות) וואס די צדיקים זענען באשעפטיגט מיט זיי, **זוֹכִים לְ'תוֹרָה אוֹר' הָאַהֲבָה עַזָּה הַנַּ"ל** זענען זיי זוכה צו די אוֹר פון די תורה וואס דאס מיינט די ליכטיגקייט פון די שטארקע אהבה ווי אויבענדערמאנט.

## צדיקים באהעפטן זיך מיט די מידת האהבה און ווערן פאראייניגט מיט איר

**וְאָז הַתּוֹרָה אוֹר אַהֲבָה עַזָּה הַנַּ"ל** און דעמאלסט איז די תורה וואס דאס איז די ליכטיגקייט פון די שטארקע אהבה, **הוּא בִּבְחִינַת מְאוֹרָשָׂה לְצַדִּיקֵי הַדּוֹר** איז אזוי ווי חתונה געהאט און באהאפטען מיט די צדיקי הדור, **בִּבְחִינַת אַחְדוּת** א בחינה פון איינס מיט זיי, **מֵחֲמַת מַעֲשֵׂיהֶם הַטּוֹבִים מְאוֹד** וועגן זייערע גוטע מעשים.

**כְּמוֹ שֶׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל** (ברכות נז.) **עַל פָּסוּק** (דברים לג, ד) **'תּוֹרָה צִוָּה לָנוּ מֹשֶׁה מוֹרָשָׁה' אַל תִּקְרֵי מוֹרָשָׁה אֶלָּא מְאוֹרָשָׂה'** אזוי ווי חז"ל האבען גע'דרשנט אויף די פסוק 'די תורה וואס משה האט אונז געגעבן איז א ארבטייל' זאגען אונז חז"ל לייען נישט ווי אין פסוק שטייט 'מורשה' (אז ס'איז א ירושה) - נאר 'מאורשה' וואס מיינט אז די יודען האבן חתונה געהאט מיט די תורה.

[ב]

## א עצה פאר פשוטע יודען זיי זאלן אויך קענען צוקומען צו די מדריגה אין אהבה

**אֲבָל זֶה הַבְּחִינָה אֵינוֹ נִשְׁפַּע בִּתְחִלָּה רַק בִּשְׁבִיל צַדִּיקֵי הַדּוֹר** אבער די בחינה פון אהבה ווערט נישט נשפע נאר פאר די צדיקי הדור.

ז. דאס מיינט 'תורה צוה לנו משה' [משה האט אונז באפוילען די תורה] 'מורשה קהילת יעקב' [די תורה איז א ירושה פאר כלל ישראל], און אויף דעם זאגן אונז חז"ל אז מען זאל ליינען די ווארט 'מורשה' אזוי ווי ווי אין פסוק וואלט געשטאנען 'מאורשה' אז די תורה איז חתונה געהאט צו די יודן.

הָאַהֲבָה מֵחֲמַת הִזְדַּכְּכוּת הַחֻמְרִיּוּת בְּמַעֲשֵׂה הַמִּצְוֹת, אָז יָכוֹל לָבֹא לָזֶה הַבְּחִינָה אֲפִילוּ מִי שֶׁאֵינוֹ בְּהִזְדַּכְּכוּת כָּל כָּךְ, וְזוֹכִים לָזֶה בִּזְכוּת צַדִּיקֵי הַדּוֹר.

וְעוֹד יֵשׁ תַּקָּנָה לָזֶה מִי שֶׁלֹּא נִזְדַּכֵּךְ כָּרָאוּי לָבֹא לִבְחִינַת זוֹ אוֹר הָאַהֲבָה הַנַּ"ל עַל יְדֵי תְּפִלָּה וּפִתּוּי לְהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ וּבַקָּשָׁה שֶׁיָּבֹא לְאוֹר הָאַהֲבָה.

וּמֵחֲמַת גּוֹדֶל הָאַהֲבָה וְהַהִשְׁתּוֹקְקוּת שֶׁזֶּה הָאִישׁ מִשְׁתּוֹקֵק לָבֹא עַל כָּל פָּנִים לִבְחִינַת אוֹר הָאַהֲבָה, אָז אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לָזֶה מִצַּד מַעֲשָׂיו, הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ בְּרוֹב רַחֲמָיו וּבְרוֹב חֲסָדָיו שֶׁבָּרָא אֶת הָעוֹלָם בְּגִין דְּיִתְקְרֵי רַחוּם, בְּגִין דְּיִתְקְרֵי חַנּוּן (זח"ג רנז:)[א], מְרַחֵם עָלָיו וּמַשְׁפִּיעַ עָלָיו אוֹר הָאַהֲבָה עַזֶּה הַנַּ"ל.

וְאַף עַל פִּי כֵן אֵינוֹ אֶצְלוֹ בִּבְחִינַת מְאוֹרָשָׁה לִהְיוֹת אֶצְלוֹ תָּמִיד בִּבְחִינַת אַחְדוּת כְּמוֹ שֶׁהוּא אֵצֶל צַדִּיקֵי הַדּוֹר שֶׁהֵם תָּמִיד דְּבוּקִים בַּה' בְּאַחְדוּת.

**א.** בזוה"ק שם: אוף הכי מארי עלמא, קדם דברא עלמא וברא בריין דיליה, למאן אתקרי רחום וחנון או דיין, אלא כל שמהן דיליה אינון כנויין, ולא אתקרי בהון אלא על שם בריין דעלמא.

## בִּזְכוּת צַדִּיקֵי הַדּוֹר

**אַף אַחַר כָּךְ כְּשֶׁנִּשְׁפָּע לָהֶם זֶה הַבְּחִינָה אוֹר הָאַהֲבָה** אבער נאכדעם וואס די צדיקים זענען זוכה צו די בחינה פון די ליכטיגקייט פון די אהבה, **מֵחֲמַת הִזְדַּכְּכוּת הַחֻמְרִיּוּת בְּמַעֲשֵׂה הַמִּצְוֹת** וואס זיי זענען זוכה דערצו צוליב זייער אויסארבעטן זייער חומריות און גוף מיט די עבודה פון מקיים זיין די מצוות, **אָז יָכוֹל לָבֹא לָזֶה הַבְּחִינָה אֲפִילוּ מִי שֶׁאֵינוֹ בְּהִזְדַּכְּכוּת כָּל כָּךְ** דעמאלסט קען מען אויך צוקומען צו די מדריגה אין אהבה אפילו ווער ס'איז נישט אזוי אויסגעארבעט, **וְזוֹכִים לָזֶה בִּזְכוּת צַדִּיקֵי הַדּוֹר** און זיי זענען זוכה צו דעם אין די זכות פון זיך מדבק זיין צו די צדיקי הדור.

## נאך א עצה כדי זוכה זיין צו די מדריגה אין אהבה

**וְעוֹד יֵשׁ תַּקָּנָה לָזֶה מִי שֶׁלֹּא נִזְדַּכֵּךְ כָּרָאוּי לָבֹא לִבְחִינַת זוֹ אוֹר הָאַהֲבָה הַנַּ"ל** ס'איז דא נאך א עצה צו די וואס זענען נישט אליין צוגעקומען צו די אויבנדערמאנטע בחינה פון די שטארקע אהבה.

## עַל יְדֵי תְּפִלָּה וּפִתּוּי

**עַל יְדֵי תְּפִלָּה וּפִתּוּי לְהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ וּבַקָּשָׁה שֶׁיָּבֹא לְאוֹר הָאַהֲבָה** דאס איז די עצה פון דאווענען און בעטן פון השי"ת ער זאל צוקומען צו די ליכטיגקייט פון די אהבה.

## אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי

**וּמֵחֲמַת גּוֹדֶל הָאַהֲבָה וְהַהִשְׁתּוֹקְקוּת שֶׁזֶּה הָאִישׁ מִשְׁתּוֹקֵק לָבֹא עַל כָּל פָּנִים לִבְחִינַת אוֹר הָאַהֲבָה** און וועגן די גרויסע אהבה און גלוסטונג וואס דער מענטש גלוסט כאטש צו צוקומען צו די בחינה און ליכטיגקייט פון די אהבה, **אָז אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לָזֶה מִצַּד מַעֲשָׂיו** איז כאטש דער מענטש איז נישט ראוי צו צוקומען צו די מדריגה לויט זיינע מעשים צו די מדריגה, **הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ בְּרוֹב רַחֲמָיו וּבְרוֹב חֲסָדָיו שֶׁבָּרָא אֶת הָעוֹלָם בְּגִין דְּיִתְקְרֵי רַחוּם בְּגִין דְּיִתְקְרֵי חַנּוּן** (זח"ג רנז:) איז דער באשעפער וואס האט באשאפען די וועלט מיט זיין גרויס רחמנות און מיט זיינע פילע חסדים צוליב וואס ער זאל ווערן אנגערופען מיט די נאמען 'רחום' און 'חנון'[ח], **מְרַחֵם עָלָיו וּמַשְׁפִּיעַ עָלָיו אוֹר הָאַהֲבָה עַזֶּה הַנַּ"ל** האט רחמנות אויף אים און איז אים משפיע אויף אים די ליכטיגקייט פון די שטארקע אהבה.

## די חילוק פון פון צדיקים און פשוטע מענטשן

**וְאַף עַל פִּי כֵן** אבער כאטש דער מענטש איז זוכה צו די אהבה, **אֵינוֹ אֶצְלוֹ בִּבְחִינַת מְאוֹרָשָׁה** איז די בחינה פון אהבה נישט אזוי באהאפטען צו אים, **לִהְיוֹת אֶצְלוֹ תָּמִיד בִּבְחִינַת אַחְדוּת** אז די בחינה פון אהבה זאל זיין מיט אים באחדות ווי איינס, **כְּמוֹ שֶׁהוּא אֵצֶל צַדִּיקֵי הַדּוֹר שֶׁהֵם תָּמִיד דְּבוּקִים בַּה' בְּאַחְדוּת** אזוי ווי די בחינה פון אהבה איז ביי צדיקי הדור וואס זיי זענען שטענדיג באהאפטען אין השי"ת מיט אחדות.

**ח.** ווי דער בת עין איז זייער אסאך מאל מסביר אין ספר אז השי"ת האט באשאפן די וועלט וואס איז א עולם העשיה נאר כדי עס זיין א געלעגנהייט אז מענטשן זאלן קענען אנרופן דעם באשעפער מיטן נאמען רחום און חנון וכדומה, ווייל אים עולם הרוחני איז נישט דא ווי אזוי צו אנרופו דעם באשעפער מיט די טיטלען.

וְזֶהוּ 'וְכִי יְפַתֶּה אִישׁ', הַיְינוּ שֶׁיְּפַתֶּה אִישׁ וְיִתְפַּלֵּל לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לָבֹא לְזֶה הַבְּחִינָה 'אֲשֶׁר לֹא אוֹרָשָׂה' אֶצְלוֹ מֵחֲמַת מַעֲשָׂיו, וּמִן הַסְּתָם יַעֲזוֹר לוֹ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּרוֹב רַחֲמָיו וַחֲסָדָיו.

עַל כֵּן הַתּוֹרָה מַזְהִירוֹ 'מָהֹר יִמְהָרֶנָּה לוֹ לְאִשָּׁה', הַיְינוּ שֶׁיִּרְאֶה לְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בְּזֶה הַבְּחִינָה, וּלְדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ בִּדְבֵיקוּת אֲמִיתִּית בִּמְסִירוּת נֶפֶשׁ מַמָּשׁ עַד כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ, שֶׁיִּהְיֶה אֶצְלוֹ בִּבְחִינַת אִשָּׁה, כְּמוֹ שֶׁצַּדִּיק גָּמוּר תָּמִיד הוּא דָּבוּק בִּבְחִינָה זוּ.

'וְאִם מָאֵן יְמָאֵן אָבִיהָ לְתִתָּהּ לוֹ', פֵּירוּשׁ שֶׁאַף עַל פִּי שֶׁנִּכְסְפָה וְגַם כָּלְתָה נַפְשׁוֹ לְזֶה הַבְּחִינָה, וְאַף עַל פִּי כֵן יְמָאֵן אָבִיהָ לְתִתָּהּ לוֹ זֶה הַבְּחִינָה.

וְגָמַר אוֹמֶר הַכָּתוּב שֶׁאַף עַל פִּי כֵן 'כֶּסֶף יִשְׁקֹל כְּמֹהַר הַבְּתוּלוֹת', הַיְינוּ שֶׁהוּא שָׁקוּל כְּאִלּוּ בָּא לִבְחִינַת אוֹר הָאַהֲבָה עַזָּה הַנַּ"ל.

[ג]

## זיך צו שטארקען מיט די אהבה צו השי"ת

**וְזֶהוּ 'וְכִי יְפַתֶּה אִישׁ'** און דאס מיינט די פסוק 'און ווען א מענטש וועט צורעדן', **הַיְינוּ שֶׁיְּפַתֶּה אִישׁ וְיִתְפַּלֵּל לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לָבֹא לְזֶה הַבְּחִינָה** דאס מיינט אז א מענטש וועט צורעדן און דאווענען צום באשעפער צוצוקומען צו די בחינה פון אהבת השי"ת, **'אֲשֶׁר לֹא אוֹרָשָׂה' אֶצְלוֹ מֵחֲמַת מַעֲשָׂיו** וואס דער מענטש איז נישט באהאפטען צו די מדריגה מדריגה פון אהבה צוליב וואס זיינע מעשים זענען נישט אזוי ווי עס דארף צו זיין, **וּמִן הַסְּתָם יַעֲזוֹר לוֹ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּרוֹב רַחֲמָיו וַחֲסָדָיו** און די פסוק זאגט אונז אז מן הסתם וועט דער באשעפער רחמנות האבען אויף אים מיט זיין גרויסע רחמנות און אים געבן די מדריגה פון אהבה און ער וועט פילן א ברען און א ליבשאפט צום באשעפער.

**עַל כֵּן הַתּוֹרָה מַזְהִירוֹ** ווערן דעם זאגט אים די תורה אן, **'מָהֹר יִמְהָרֶנָּה לוֹ לְאִשָּׁה'** ער זאל זיך שטארקן מיט די עבודה פון אהבה און איר נעמען פאר א ווייב, **הַיְינוּ שֶׁיִּרְאֶה לְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בְּזֶה הַבְּחִינָה** דאס מיינט ער זאל זיך שטארקן מיט די בחינה פון אהבה, **וּלְדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ בִּדְבֵיקוּת אֲמִיתִּית בִּמְסִירוּת נֶפֶשׁ מַמָּשׁ עַד כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ** און ער זאל זיך באהעפטן מיט די מידה פון אהבה מיט מסירת נפש ממש ביז ער פילט אז ער גייט אויס פון אהבה צו השי"ת.

**שֶׁיִּהְיֶה אֶצְלוֹ בִּבְחִינַת אִשָּׁה** אז די מדה פון אהבה זאל זיין ביי אים אייביג פאראייניגט ווי ער וואלט חתונה געהאט צו איר, **כְּמוֹ שֶׁצַּדִּיק גָּמוּר תָּמִיד הוּא דָּבוּק בִּבְחִינָה זוּ** אזוי ווי א עכטע צדיק איז באהאפטען אין די מידה.

## אפילו ווען מען איז נישט זוכה צו די אהבה, ווערט עס גערעכנט ביים באשעפער אזוי ווי ער האט באמת די מדריגה

**'וְאִם מָאֵן יְמָאֵן אָבִיהָ לְתִתָּהּ לוֹ'** און די תורה זאגט אונז 'אויב דער טאטע (דער באשעפער) וויל אים עס נישט געבן', **פֵּירוּשׁ שֶׁאַף עַל פִּי שֶׁנִּכְסְפָה וְגַם כָּלְתָה נַפְשׁוֹ לְזֶה הַבְּחִינָה** דאס מיינט אז כאטש ער גלוסט און זיין נפש גייט אויס זוכה צו זיין צו די בחינה פון אהבה, **וְאַף עַל פִּי כֵן יְמָאֵן אָבִיהָ לְתִתָּהּ לוֹ זֶה הַבְּחִינָה** און פון דאס וועגן דאך וויל אים זיין טאטע נישט געבן די בחינה פון אהבה (דאס מיינט אז ער איז נישט זוכה צו די בחינה).

**וְגָמַר אוֹמֶר הַכָּתוּב** און דער פסוק ענדיגט צו, **שֶׁאַף עַל פִּי כֵן 'כֶּסֶף יִשְׁקֹל כְּמֹהַר הַבְּתוּלוֹת'** אז פון דאס וועגן דאך 'זיין גלוסטונג און אהבה ווערט גערעכנט אזוי ווי ער האט חתונה געהאט' דאס מיינט אזוי ווי ער האט זוכה געווען צו די בחינה פון אהבה[ט], **הַיְינוּ שֶׁהוּא שָׁקוּל כְּאִלּוּ בָּא לִבְחִינַת אוֹר הָאַהֲבָה עַזָּה הַנַּ"ל** דאס מיינט אז ער ווערט גערעכנט אזוי ווי ער וואלט צוגעקומען צו די שטארקע

ט. די פשוטע טייטש איז 'כֶּסֶף יִשְׁקֹל' אז ער זאל אפוועגן געלט (וויפיל מען גיט פאר א כתובה), אבער דער בת עין טייטשט די ווארט **כסף** איז טייטש 'גלוסטונג', און די ווארט **ישקול** ווערט געטייטשט 'ווערט גערעכנט', דאס מיינט אז זיין אהבה וועט ווערן גערעכנט אזוי ווי ער איז צוגעקומען צו די מדריגה בשלימות.

וְזֶה שֶׁאָמַר הַכָּתוּב 'וְלָבָן הָלַךְ לִגְזוֹז', הַיְינוּ בְּחִינַת לוֹבֶן הָעֶלְיוֹן שֶׁהוּא חֶסֶד הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא שֶׁהוּא אוֹר הָאַהֲבָה עַזָּה, 'הָלַךְ לִגְזוֹז', לְחַבֵּר 'אֶת' עַצְמוֹ עִם 'צֹאנוֹ', הַיְינוּ צַדִּיקֵי הַדּוֹר.

וּבְחִינַת הִתְחַבְּרוּת מְרוּמָּז בְּתֵיבַת לִגְזוֹז שֶׁהוּא אוֹתִיּוֹת ג"ז-ו"ז, ג"ז הַיְינוּ גִּימַטְרִיָּא **עֶשֶׂר**, ו"ז בְּגִימַטְרִיָּא **אֶחָד**, מְרַמֵּז עַל הִתְחַבְּרוּת עֶשֶׂר סְפִירוֹת שֶׁיִּהְיֶה בִּבְחִינַת אַחְדוּת פָּשׁוּט.

וְרָחֵל מְרַמֵּז עַל אוֹתָן שֶׁאֵינָן בְּהִזְדַּכְּכוּת כָּל כָּךְ, וְאַף עַל פִּי כֵן נִכְסְפָה וְגַם כָּלְתָה נַפְשָׁם לָבֹא לְזֶה הַבְּחִינָה, וְיֵשׁ לָהֶם מִזֶּה בּוּשָׁה וְהַכְנָעָה. וְאָז הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַשְׁרֶה

ליכטיגקייט פון די אויבענדערמאנטע אהבה.

[ד]

## דער באשעפער איז משפיע די מדריגה פון אהבה צו די צדיקי הדור

**וְזֶה שֶׁאָמַר הַכָּתוּב 'וְלָבָן הָלַךְ לִגְזוֹז'** און דאס איז וואס די פסוק זאגט 'און לבן איז געגאנגען שערן' (די שאף).

### 'וְלָבָן' - לוֹבֶן הָעֶלְיוֹן

**הַיְינוּ בְּחִינַת לוֹבֶן הָעֶלְיוֹן שֶׁהוּא חֶסֶד הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא** די ווארט 'לבן' מיינט די בחינה פון 'לובן העליון'[יא] וואס איז די חסד פונעם באשעפער, **שֶׁהוּא אוֹר הָאַהֲבָה עַזָּה** וואס איז מרמז אויף די חסד וואס השי"ת טוט מט אונז און גיבט אונז די ליכטיגקייט פון די שטארקע אהבה.

### 'הָלַךְ לִגְזוֹז'

**'הָלַךְ לִגְזוֹז' לְחַבֵּר אֶת עַצְמוֹ** די פסוק זאגט ער איז געגאנגען 'לגזוז' באהעפטן - וואס דאס מיינט ער איז זיך געגאנגען באהעפטן[יב], **עִם צֹאנוֹ** מיט זיין שאף, **הַיְינוּ צַדִּיקֵי הַדּוֹר** דאס ווארט 'צאנו' מיינט די צדיקי הדור (וואס זיי פאשען זיך ווי שאף ביי השי"ת).

**וּבְחִינַת הִתְחַבְּרוּת מְרוּמָּז בְּתֵיבַת לִגְזוֹז** און די בחינה פון 'התחברות' זיך באהעפטן איז מרומז אין די ווארט 'לגזוז', **שֶׁהוּא אוֹתִיּוֹת ג"ז–ו"ז** ווייל די ווארט 'לגזוז' ווערט געשריבן ג"ז און ו"ז, **ג"ז הַיְינוּ גִּימַטְרִיָּא עֶשֶׂר** און די אותיות ג"ז איז בגימטריא צעהן (10), **ו"ז בְּגִימַטְרִיָּא אֶחָד** און די אותיות ו"ז איז בגימטריא דרייצען (13) וויפיל די ווארט 'אחד', **מְרַמֵּז עַל הִתְחַבְּרוּת עֶשֶׂר סְפִירוֹת שֶׁיִּהְיֶה בִּבְחִינַת אַחְדוּת פָּשׁוּט**[יג] דאס קומט צו מרמז זיין אויף מחבר זיין די צעהן ספירות זיי זאלן זיין באחדות און איינס מיטן באשעפער וואס איז מרומז אין 'אחד' (13)[יד].

## צוויי עצות זוכה זיין צו אהבת השי"ת אפילו מען איז נישט גרייט דערצו

**וְרָחֵל מְרַמֵּז עַל אוֹתָן שֶׁאֵינָן בְּהִזְדַּכְּכוּת כָּל כָּךְ**[טו] און די ווארט 'רחל' איז מרמז אויף די וואס זענען נישט אזוי אויסגעארבעט מיט זייערע מידות, **וְאַף עַל פִּי כֵן נִכְסְפָה וְגַם כָּלְתָה נַפְשָׁם לָבֹא לְזֶה הַבְּחִינָה** און פון דאס וועגן דאך גלוסטען זיי און זייער זעהל גייט אויס צו צוקומען צו די בחינה, **וְיֵשׁ לָהֶם מִזֶּה בּוּשָׁה וְהַכְנָעָה** און זיי האבען בושה און אונטערטעניגקייט פון דאס וואס זיי האבען נישט זוכה געווען דערצו פון זייער אייגענע עבודה.

י. די בת עין גייט יעצט אויסטייטשען די אויבענדערמאנטע בחינות אין די וואכענדיגע פרשה, און פאר די תועלת פונעם לערנער וועלן מיר דא נאכאמאל מעתיק זיין די פסוק: **וְלָבָן הָלַךְ לִגְזוֹז אֶת צֹאנוֹ וַתִּגְנֹב רָחֵל אֶת הַתְּרָפִים אֲשֶׁר לְאָבִיהָ.**

יא. די מידה פון חסד ווערט צוגעגליכען אין ספרי קבלה צו די ווייסע קאליר, דאס מיינט 'לובן העליון' די הימלישע ווייס.

יב. ווי דער בת עין גייט שוין מסביר די ווארט 'לִגְזוֹז' אין די קומענדיגע שטיקל.

יג. די עשר ספירות איז מרמז צו די 7 מידות [1]חסד, [2]גבורה, [3]תפארת, [4]נצח, [5]הוד, [6]יסוד, [7]מלכות וואס זיי ווערן אנגערופן 'מידות ווייל עס זעהט אין אן אין די מעשים און אויפירונגען פונעם מענטש. און די דריי ספירות פון [8]חכמה, [9]בינה, [01]דעת וואס דאס ווערט בעיקר אנגעזעהן און גענוצט דורך די שכל און מח פונעם מענטש.

יד. דאס מיינט אז דער צדיק מיט זיין גרויסע אהבה צו השי"ת ווערט איינס מיט די עשר ספירות וואס דאס איז די מדריגה פון זיך באהעפטן און זיין איינס מיט השי"ת.

טו. די וואס זענען נישט אינגאנצען אויסגעארבעט אינגאנצן ווערן אנגערופן מיט די נאמען 'רחל', ווייל ווען די בושה און הכנעה וואס זיי האבען אין זיך צוליב זייער שוואכע מדריגה טוט די שכינה רוהען אויף זיי, און דערפאר ווערן זיי אנגערופן מיט די נאמען 'רחל' וואס איז מרמז אויף די שכינה.

**וְאָז הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַשְׁרֶה שְׁכִינָתוֹ עֲלֵיהֶם** און דעמאלסט מאכט השי"ת רוהען זיין שכינה אויף זיי, **כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב** (ישעי' נז, טו) **'אֲנִי אֶשְׁכּוֹן אֶת דַּכָּא'** אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'איך וועל רוהען מיט ווער עס האלט זיך קליין', **וְהַשְּׁכִינָה מְכוּנָּה בְּשֵׁם רָחֵל כַּיָּדוּעַ** און די שכינה איז ווי עס איז באקאנט אין ספרי קבלה איז מרומז אין די נאמען רחל.

## וַתִּגְנֹב רָחֵל אֶת הַתְּרָפִים

**וְזֶהוּ 'וַתִּגְנֹב רָחֵל אֶת הַתְּרָפִים אֲשֶׁר לְאָבִיהָ'** און דאס מיינט די פסוק 'און רחל האט גע'גנבעט די 'תרפים' וואס זענען צו איר טאטע', **הַיְינוּ בְּשָׁעָה שֶׁבְּחִינַת לוֹבֶן הָעֶלְיוֹן הָלַךְ לִגְזוֹז וּלְחַבֵּר עִם צֹאנוֹ** דאס מיינט אין די צייט וואס די שכינה טוט מיר איר גרויסע מידת החסד וואס ווערט אנגערופן 'לובן העליון' זיך מחבר זיין און באהעפטן מיט די צדיקים.

**אָז 'וְרָחֵל' מִי שֶׁהֵם מְכוּנִּים בְּשֵׁם רָחֵל** און די פסוק זאגט אז דעמאלסט האט 'רחל' דאס מיינט די מענטשן וואס ווערן אנגערופען מיט די נאמען רחל (וואס די שכינה רוהט אויף זיי צוליב זייער צובראכנקייט און אינערליכע בושה), **שֶׁאֵינָם זוֹכִים מִצַּד מַעֲשֵׂיהֶם לִבְחִינָה זוּ** וואס זיי זענען נישט זוכה צו די מדריגה פון אהבה צוליב זייערע אייגענע מעשים, **'גָּנְבָה אֶת הַתְּרָפִים'**[טז] האט גע'גנבעט די 'תרפים' די עיקר עבודה"[יז].

שְׁכִינָתוֹ עֲלֵיהֶם, כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב (ישעי' נז, טו) 'אֲנִי אֶשְׁכּוֹן אֶת דַּכָּא', וְהַשְּׁכִינָה מְכוּנָּה בְּשֵׁם רָחֵל[ב] כַּיָּדוּעַ[ג].

וְזֶהוּ 'וַתִּגְנֹב רָחֵל אֶת הַתְּרָפִים אֲשֶׁר לְאָבִיהָ', הַיְינוּ בְּשָׁעָה שֶׁבְּחִינַת לוֹבֶן הָעֶלְיוֹן הָלַךְ לִגְזוֹז וּלְחַבֵּר עִם צֹאנוֹ.

אָז 'וְרָחֵל' מִי שֶׁהֵם מְכוּנִּים בְּשֵׁם רָחֵל, שֶׁאֵינָם זוֹכִים מִצַּד מַעֲשֵׂיהֶם לִבְחִינָה זוּ, 'גָּנְבָה אֶת הַתְּרָפִים', הַיְינוּ אַף עַל פִּי כֵן יְכוֹלִים לָבֹא לְתוֹרֶף וְעִיקַּר בְּחִינַת עֲבוֹדוֹת הַנַּ"ל מִצַּד זְכוּת צַדִּיקֵי הַדּוֹר וּמִצַּד הַכְּסִיפָה וְהִשְׁתּוֹקְקוּת וְהַבּוּשָׁה שֶׁיֵּשׁ לוֹ.

וְזֶהוּ 'כִּי אָסַף אֱלֹקִים אֶת חֶרְפָּתִי' (בראשית ל, כג), הַיְינוּ שֶׁרָחֵל שֶׁהוּא מְרַמֵּז עַל אוֹתָן שֶׁאֵינָם בְּהִזְדַּכְּכוּת גָּמוּר אָמְרָה 'כִּי אָסַף אֱלֹקִים אֶת חֶרְפָּתִי' הַיְינוּ הַבּוּשָׁה וְהַהַכְנָעָה שֶׁיֵּשׁ לוֹ, מֵחֲמַת זֶה עוֹזֵר לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לָבֹא לִבְחִינַת הָאַהֲבָה עַזָּה, יְהִי רָצוֹן שֶׁנִּזְכֶּה לָזֶה אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.

**ב.** עיין זוה"ק ח"ג קפז, א [ובמתוק מדבש שם]: למשה כד אתחזי ליה בקדמיתא, אקרי מלאך [כשהשכינה נראתה ונגלתה למשה בתחילה היתה נקראת מלאך, כמ"ש (שמות ג, ב) וירא מלאך ה' אליו בלבת אש], ליעקב לא אתחזי הכי [ליעקב לא נגלתה השכינה בדמות מלאך], אלא בדוגמא [אלא בדוגמא גשמית, דהיינו ברחל שלמטה שהיא דוגמת רחל שלמעלה], דכתיב (בראשית כט, ט) 'ורחל באה', [והיינו] דא דיוקנא דרחל אחרא [היא היתה דיוקנה של רחל אחרת שלמעלה שהיא השכינה, כי רחל התחתונה היתה מרכבה לרחל העליונה], דכתיב (ירמיה לא, יד) 'כה אמר ה' קול ברמה נשמע וגו', רחל מבכה על בניה' [ומפרש התרגום קל ברום שמיא אשתמע שכינתא מבכה על בנהא, וגם כאן כתוב] 'ורחל באה' סתם [לפי שרומזת על השכינה], עם הצאן דרגין דילה [הם רומזים על המדרגות של, שהם הצבאות של מעלה ושל מטה שכולם הם תחת ידה והיא רועה ומפרנסת ומנהגת אותם].

**ג.** ר"ל שמשום כך נקראים אותם שאינם בהזדככות כ"כ בשם רחל, מפני הבושה וההכנעה שיש להם, ובשביל זה הקב"ה משרה שכינתו עליהם, והשכינה מכונה בשם רחל.

## עצה א – מִצַּד זְכוּת צַדִּיקֵי הַדּוֹר

**הַיְינוּ אַף עַל פִּי כֵן יְכוֹלִים לָבֹא לְתוֹרֶף וְעִיקַּר בְּחִינַת עֲבוֹדוֹת הַנַּ"ל מִצַּד זְכוּת צַדִּיקֵי הַדּוֹר**[יח] דאס אז כאטש אפילו זיי זענען נישט ראוי צו האבן די ברען און אהבה איז פון דאס וועגן דאך קענען זיי צוקומען צו די עיקר און שפיץ פון די עבודה אין די זכות פון די צדיקי הדור.

## עצה ב - וּמִצַּד הַכְּסִיפָה וְהִשְׁתּוֹקְקוּת

**וּמִצַּד הַכְּסִיפָה וְהִשְׁתּוֹקְקוּת וְהַבּוּשָׁה שֶׁיֵּשׁ לוֹ**[יט] און צוליב די גלוסטונג און בענקשאפט (צו צוקומען צו די אהבה) און צוליב די בושה (וואס ער האט נישט די אהבה) וואס דער מענטש האט אין זיך.

**טז.** דיווארט **תרפים** איז טייטש 'די כישוף כלים', אבער דער בת עין טייטשט עס מיט די לשון 'תורף' וואס מיינט 'די עיקר זאך' אזוי ווי מען זעהט אסאך מאל אין די גמרא ווי די גמרא נוצט די ווארט תורף אלץ די עיקר זאך, אזוי ווי 'תורף הגט'.

**יז.** דאס מיינט אז זיי האבן זוכה געווען צו די מדריגה פון אהבה אפילו זיי זענען נישט געווען ראוי דערצו (דאס מיינט זיי האט עס גע'גנבעט).

**יח.** וואס דאס איז געווען די ערשטע עצה ווי אזוי פשוטע מענטשן קענען צוקומען צו די אהבה.

**יט.** וואס דאס איז געווען די צווייטע עצה אז א אפילו פשוטע מענטשן קענען בעטן פונעם באשעפער צו צוקומען צו די מדריגה, און ווען השי"ת זעהט אז דער מענטש האט א צובראכענע הארץ און שעמט זיך מיט זיינע מעשים און איז מתפלל צו אים דעמאלסט וועט אים השי"ת אים געבן די מדריגה פון אהבה.

## ׳כִּי אָסַף אֱלֹקִים אֶת חֶרְפָּתִי׳

**וְזֶהוּ ׳כִּי אָסַף אֱלֹקִים אֶת חֶרְפָּתִי׳** (בראשית ל, כג) און דאס מיינט די פסוק וואס רחל האט געזאגט ווען זי האט געגעבן די נאמען יוסף ׳ווייל דער באשעפער האט איינגעזאמעלט מיין בושה׳.

**הַיְינוּ שֶׁרָחֵל שֶׁהוּא מְרַמֵּז עַל אוֹתָן שֶׁאֵינָם בְּהִזְדַּכְּכוּת גָּמוּר אָמְרָה ׳כִּי אָסַף אֱלֹקִים אֶת חֶרְפָּתִי׳** ווייל ׳רחל׳ איז דאך מרמז אויף די וואס זענען נישט אינגאנצען אויסגעארבעט (און די שכינה רוהט אויף זיי צוליב זייער הכנעה און בושה) - זי האט געזאגט ׳ווייל דער באשעפער האט איינגעזאמעלט מיין בושה׳, **הַיְינוּ הַבּוּשָׁה וְהַהַכְנָעָה שֶׁיֵּשׁ לוֹ** דאס מיינט דער באשעפער האט אנגענומען די בושה און אונטערטעניגקייט וואס דער מענטש האט אין זיך, **מֵחֲמַת זֶה עוֹזֵר לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לָבֹא לִבְחִינַת הָאַהֲבָה עַזָּה** און וועגן דעם העלפט אים דער באשעפער צוצוקומען צו די שטארקע אהבה[כ].

**יְהִי רָצוֹן שֶׁנִּזְכֶּה לָזֶה אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.**


זכר צדיק לברכה

שמחים אנו להודיע כי בס״ד יתקיים

**סעודת הילולא רבתי**

לזכר הרה״ק רבי **אברהם דוב מאוריטש** זי״ע

**בעמח״ס בת עין עה״ת**

**ביום ב׳ פרשת וישלח אור ליום ג׳ י״ב כסלו**

באולם עטרת מרדכי (טאהש)

4615 14TH AVE.

נטילת ידים בשעה 8:30 ברהמ״ז בשעה 10:15

**בהשתתפות גדולי הרבנים שליט״א**

וישאו מדברותם

הרה״צ ר׳ **שמואל יהודה זילבער** שליט״א
**אב״ד ק״ק אמונת ישראל**
**בתורתו של רבינו**

הרה״ג ר׳ **חיים שלמה גינזבערג** שליט״א
ממרביצי תורה וחסידות בעיה״ת לייקוואד
**בסגולת יום ההילולא**

וכבר העידו גדולי הצדיקים בגודל מעלת סעודת הילולא של הרה״ק מאוריטש אשר לא זכה לזש״ק
וע״י קיום זכרון לצדיק בעולם זכו רבים להיוושע בדבר ישועה ורחמים

זכותו יגן עלינו


**כ.** דאס ווארט ׳אסף׳ מיינט איינגעזאמלט, דאס מיינט אז דער באשעפער האט אנגענומען זיין בושה און דערפאר אים באלוינט מיט די מתנה פון די מדריגה פון אהבה.

# מוסרי בת עין לפרשת ויצא

## לימוד התורה

א] אָמְנָם יֵשׁ שְׁתֵּי בְּחִינוֹת אוֹר, בְּחִינָה א' אוֹר מִצְווֹת מַעֲשִׂיּוֹת, כְּגוֹן אוֹר אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מִי שֶׁזּוֹכֶה לְהַשִּׂיג בְּחִינַת אוֹר אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בִּשְׁלֵימוּת וְלִיכָּנֵס בִּקְדוּשָּׁתָהּ, כְּגוֹן כֹּהֵן הַגָּדוֹל שֶׁזָּכָה לִיכָּנֵס בְּכָל עֶשֶׂר קְדוּשּׁוֹת שֶׁל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הַנִּזְכָּרִים בַּמִּשְׁנָה (כלים פ"א מ"ו-ט) עַד שֶׁזָּכָה לִיכָּנֵס לִפְנֵי וְלִפְנִים בִּקְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה, וְזֶהוּ בְּחִינַת אוֹר אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בִּשְׁלֵימוּת וְנִקְרָא אַסְפַּקְלַרְיָא שֶׁאֵינָהּ מְאִירָה.

אָמְנָם יֵשׁ עוֹד בְּחִינָה אַחַת גְּדוֹלָה מִמֶּנָּה, וְהוּא בְּחִינַת אוֹר תּוֹרָה, שֶׁמִּלְּבַד גּוֹדֶל מַעֲלַת מִצְוַת הַלִּימּוּד שֶׁיֵּשׁ בָּהּ, יֵשׁ עוֹד מַעֲלָה שֶׁמְּאִירַת עֵינַיִם לְהָאִיר לְלוֹמְדֶיהָ בְּמִצְוֹת ה' וּלְלַמְּדָם דֶּרֶךְ ה' וַעֲבוֹדָתוֹ, וְלָזֶה נִקְרֵאת אַסְפַּקְלַרְיָא הַמְּאִירָה, רְצוֹנוֹ לוֹמַר שֶׁמְּאִירָה וּמְלַמְּדָהּ אֶת בְּנֵי הָאָדָם דֶּרֶךְ ה'. וְלָזֶה אָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל (סוטה ד:) עַל 'יְקָרָה הִיא מִפְּנִינִים' (משלי ג, טו), יְקָרָה הִיא מִכֹּהֵן גָּדוֹל שֶׁנִּכְנַס לִפְנֵי וְלִפְנִים, פֵּירוּשׁ שֶׁגָּדוֹל אוֹר תּוֹרָה יוֹתֵר מִבְּחִינַת אוֹר אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שֶׁהִשִּׂיג הַכֹּהֵן גָּדוֹל בִּשְׁלֵימוּת כַּנַּ"ל.

## עבודה לשמה

א] רְצוֹנוֹ לוֹמַר כְּשֶׁיִּרְצֶה הָאָדָם לַעֲשׂוֹת אֵיזֶה מִצְוֹת עֲשֵׂה יַחְשׁוֹב תְּחִילָּה בְּמַחְשַׁבְתּוֹ שֶׁעוֹשֶׂה הַמִּצְוָה רַק לַה' לְבַדּוֹ וְלֹא לְשׁוּם בְּחִינַת הוֹלָדָה, רְצוֹנוֹ לוֹמַר שׁוּם קִבּוּל פְּרַס שֶׁנִּקְרָא בְּחִינַת הוֹלָדָה, שֶׁמּוֹלִיד שָׂכָר, וְהוּא עוֹשֶׂה הַמִּצְוָה לֹא לְשׁוּם בְּחִינַת הוֹלָדָה שֶׁל קִבּוּל פְּרַס, לֹא בָּעוֹלָם הַזֶּה וְלֹא בָּעוֹלָם הַבָּא, כִּי 'וְרָחֵל עֲקָרָה', רְצוֹנוֹ לוֹמַר מִן רָחֵל חָסֵר יוּ"ד לְמִנְיַן רְמַ"ח, רְצוֹנוֹ לוֹמַר שֶׁחָסֵר מִמֶּנָּה הָעִיקָּר שֶׁהוּא בְּחִינַת יוּ"ד שֶׁהוּא בְּחִינַת חָכְמָה עִילָּאָה, וְעַל כֵּן הִיא יְפַת תּוֹאַר וְיֵשׁ שָׁם אֲחִיזָה לַחִיצוֹנִים.

## אהבת השם

א] דְּהִנֵּה עִיקַּר הָעֲבוֹדוֹת הִיא הִזְדַּכְּכוּת הַנֶּפֶשׁ, הַיְינוּ לְזַכֵּךְ אוֹתוֹ מִכָּל מִינֵי גַּשְׁמִיּוּת שֶׁלֹּא לֶאֱהוֹב וּלְהִשְׁתּוֹקֵק לְשׁוּם דָּבָר מֵעוֹלָם הַזֶּה הַגַּשְׁמִי, רַק שֶׁתָּמִיד יִהְיֶה בּוֹעֵר בְּלִבּוֹ אַהֲבַת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא לִכְסוֹף וּלְהִשְׁתּוֹקֵק תָּמִיד אֵלָיו יִתְבָּרֵךְ בִּכְלוֹת הַנֶּפֶשׁ בְּאַהֲבָה עַזָּה וּתְשׁוּקָה גְּדוֹלָה עַד מְאוֹד,

וְזֶה הוּא בְּחִינַת צַדִּיקֵי הַדּוֹר שֶׁזּוֹכִים לָבֹא לִבְחִינַת הָאַהֲבָה הָעַזָּה מֵחֲמַת מַעֲשֵׂי הַמִּצְוֹת שֶׁתָּמִיד עוֹסְקִים בָּהֶם בְּלִי בִּיטּוּל אֲפִילּוּ רֶגַע אַחַת לְבַטָּלָה חַס וְשָׁלוֹם, וּמֵחֲמַת זֶה הַבּוֹרֵא

עוֹלָמִים בָּרוּךְ הוּא מַשְׁפִּיעַ לָהֶם בְּחַסְדּוֹ הַטּוֹב אוֹר הָאַהֲבָה הָעַזָּה.

ב] אֲבָל זֶה הַבְּחִינָה אֵינוֹ נִשְׁפָּע בִּתְחִלָּה רַק בִּשְׁבִיל צַדִּיקֵי הַדּוֹר, אַךְ אַחַר כָּךְ כְּשֶׁנִּשְׁפָּע לָהֶם זֶה הַבְּחִינָה אוֹר הָאַהֲבָה מֵחֲמַת הִזְדַּכְּכוּת הַחָמְרִיּוּת בְּמַעֲשֵׂה הַמִּצְוֹת, אָז יָכוֹל לָבֹא לְזֶה הַבְּחִינָה אֲפִילוּ מִי שֶׁאֵינוֹ בְּהִזְדַּכְּכוּת כָּל כָּךְ, וְזוֹכִים לָזֶה בִּזְכוּת צַדִּיקֵי הַדּוֹר.

וְעוֹד יֵשׁ תַּקָּנָה לָזֶה מִי שֶׁלֹּא נִזְדַּכֵּךְ כָּרָאוּי לָבֹא לִבְחִינַת זוֹ אוֹר הָאַהֲבָה הַנַּ"ל עַל יְדֵי תְּפִלָּה וּפִתּוּי לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּבַקָּשָׁה שֶׁיָּבֹא לְאוֹר הָאַהֲבָה.

ג] וּמֵחֲמַת גּוֹדֶל הָאַהֲבָה וְהַהִשְׁתּוֹקְקוּת שֶׁזֶּה הָאִישׁ מִשְׁתּוֹקֵק לָבֹא עַל כָּל פָּנִים לִבְחִינַת אוֹר הָאַהֲבָה, אָז אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לָזֶה מִצַּד מַעֲשָׂיו, הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּרוֹב רַחֲמָיו וּבְרוֹב חֲסָדָיו שֶׁבָּרָא אֶת הָעוֹלָם בְּגִין דְּיִתְקְרֵי רַחוּם, בְּגִין דְּיִתְקְרֵי חַנּוּן (זח"ג רנז:), מְרַחֵם עָלָיו וּמַשְׁפִּיעַ עָלָיו אוֹר הָאַהֲבָה עַזָּה הַנַּ"ל.

ד] וְזֶהוּ 'כִּי אָסַף אֱלֹקִים אֶת חֶרְפָּתִי' (בראשית ל, כג), הַיְינוּ שֶׁרָחֵל שֶׁהוּא מְרַמֵּז עַל אוֹתָן שֶׁאֵינָם בְּהִזְדַּכְּכוּת גָּמוּר אָמְרָה 'כִּי אָסַף אֱלֹקִים אֶת חֶרְפָּתִי' הַיְינוּ הַבּוּשָׁה וְהַהַכְנָעָה שֶׁיֵּשׁ לוֹ, מֵחֲמַת זֶה עוֹזֵר לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לָבֹא לִבְחִינַת הָאַהֲבָה עַזָּה, יְהִי רָצוֹן שֶׁנִּזְכֶּה לָזֶה אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.


ברכת מזל טוב להרה"ח הר"ר **דוד יואל שווארץ** שליט"א

**לרגל נישואי בתו שתחי'**

בהאי יומא קדישא – י"ב כסליו

**הוא הגבר אשר ברוב מסירתו לעשות רצון רבינו המחבר הק' ארגן את מסיבת ההלולא השנתי ברוב עם, וידיו רב לו בהפצת תורת רבינו וספרו הקדוש**

יהי רצון שזכות רבינו המחבר הקדוש יגן בעדו ובעד ב"ב לזכות לרוות רוב נחת מכל יו"ח וימלא השם כל משאלות לבו לטובה אכי"ר

**כברכת: ידידיו – והמערכת**



**שירו לו שיעור חדש**

קהל קאסאן – לייקוואוד

שיעור בספה"ק בת עין בכל ליל שבת מיד אחר התפילה

**ע"י הרה"צ ר' יוסף יחזקאל ראטענבערג שליט"א**

טעמו וראו כי טוב



**לזיכוי הרבים:** די גליון איז דא צו באקומען וועכנטליך אין טאשער בית המדרש אין בארא פארק.



**נעמט א חלק אין הפצת הגליון און זייט מנדב לעילוי נשמת אייערע קרובים און נאנטע**

פאר הערות און מנדב זיין נא לפנות Mechonusa@gmail.com